NYC Housing Connect

טשעקליסטעס און הילפסמיטלען

נאכן זיך איינשרייבן פאר אפארדעבל האוזינג:

# טשעקליסטעס און רעסאורסעס



## ווען דער וועגווייזער

אפארדעבל האוזינג אפליקאציעס ווערן אויסגעקליבן צו ווערן איבערגעקוקט דורך א גורל פראצעס. אויב אייער נומער קומט ארויף אינעם גורל און אייער אפליקאציעס זעט אויס צו קוואליפיצירן, וועט איר ווערן איינגעלאדנט צו מאכן אן אפוינטמענט צו באשטעטיגן אייער בארעכטיגונג. דער אפוינטמענט איז איבערצוקוקן די דאקומענטן וועלכע שטיצן די אינפארמאציע וואס שטייט אויף אייער אפליקאציע.

אפוינטמענטס ווערן געווענליך געפלאנט אויף צוויי ביז צען חדשים נאך דעם אפליקאציע דעדליין. מען וועט אייך בעטן אריינצוברענגען דאקומענטן איבער ווער וועט וואוינען מיט אייך, וויפיל געלט יעדער וואס וועט וואוינען מיט אייך מאכט, אייער יעצטיגע אפארטמענט, און נאך אינפארמאציע.

דער וועגווייזער העלפט אייך זיך צוגרייטן צו דעם אפוינטמענט, אויב אייער נומער קומט ארויף אינעם גורל. עס האט די ליסטע פון דאקומענטן וואס איר וועט מעגליך דארפן ארייברענגען און שטעלט צו עצות ווי אזוי צו געפינען און צוגרייטן דיקאפיעס וואס איר דארפט.

# הויזגעזינד דאקומענטן

אויב מען פארבינדט זיך מיט אייך פאר אן אפוינטמענט צו באשטעטיגן אייער בארעכטיגונג, וועט מען אייך בעטן צו ברענגען קאפיעס פון דאקומענטן וועלכע באשטעטיגן די מענטשן אין אייער הויזגעזינד. ביטע ברענגט נישט קיין אריגינעלע דאקומענטן, סיידן מען בעט אייך. קאפיעס פון די דאקומענטן וועלן פארבלייבן אויפן פייל – איר וועט זיי נישט צוריק באקומען.

דער דעוועלאפער וועט אייך לאזן וויסן וועלכע דאקומענטן איר זענט פארלאנגט צו ברענגען מיט זיך. אלע פאלגנדע זאכן קענען מעגליך ווערן געפאדערט.

האט איר די דאקומענטן?

## יעצטיגער אפארטמענט

- ☐ קאפיע פון אייער יעצטיגע ליעס, אויב איר דינגט אייער אייגענע אפארטמענט. אויב איר האט נישט קיין ליעס, א נאטאריזירטע בריוו פון אייער לענדלארד.
- ☐ קאפיעס פון אייער לעצט דריי (3) ביז צוועלף (12) רענט ריסיט אדער גע'קענסעל'טע רענט טשעקס.
- ☐ קאפיעס פון אייער לעצטע עלעקטריק און גאז בילס (אויף אייער נאמען און צייגנדיג אייער יעצטיגע אדרעס).
- ☐ קאפיע פון אייער לעצטע טעלעפאן ביל (אויף אייער נאמען און צייגנדיג אייער יעצטיגע אדרעס).
- ☐ אויב איר דינגט נישט אייער אייגענע אפארטמענט און איר וואוינט מיט אן אנדערן, ברענגט א נאטאריזירטע בריוו פון אייער הויז שותף צוזאמען מיט א קאפיע פון זייער ליעס און קאפיעס פון זייערע יוטיליטי בילס.

**וואו קען איך נאטערייז'ן דאקומענטן?**

- פראפערטי מאנעדזשמענט אגענטן און לאקאלע טעקס און אדוואקאט אפיסעס האבן אפט נאטאריס אינעם שטאב.
- רוב בענק וועלן קענען נאטאריזירן דאקומענטן פאר א מינימאלע סומע.

## הויזגעזינד מיטגלידער

- ☐ קאפיעס פון געבורט סערטיפיקאטן פאר יעדן מענטש אינעם הויזגעזינד
- ☐ קאפיעס פון סאשעל סעקיוריטי קארטלעך פאר יעדן מענטש אין דעם הויזגעזינד
- ☐ קאפיעס פון בילדער ID פאר אלע מענטשן העכער 18 (ביישפילן: דרייווערס לייסענס, פאספארט, מיליטערישע ID, NYC מוניציפאלער ID, נאן-דרייווער ID)
- ☐ קאפיעס פון שולע בריוו וואס באשטעטיגן ענראלמענט פון אלע וועלכע גייען אין סקול (ביישפילן: ניו יארק סיטי פאבליק סקול, פריוואטע סקול, קאלעדזש, יוניווערסיטי)

## ווי קען איך באשטעלן אידענטיטעט דאקומענטן?

געבורט סערטיפיקאט פראצעסירונג צייט: 2 טעג ביז 8 וואכן | קאסט: ~$15–$25

- ניו יארק סיטי געבורטן: קאפיעס פון אפיציעלע ניו יארק סיטי געבורט סערטיפיקאטן קענען מען באשטעלן אנליין, פערזענליך, אדער דורך פאסט דורך די NYC Department of Health and Mental Hygiene. זיי קאסטן $15, אין צוגאב צו נאך א $9 פאסט און סערוויס קאסט. אנליין באשטעלונגען ווערן פראצעסירט ביז 24 שעה. באזוכט http://www.nyc.gov/doh אדער רופט 311 פאר איינצלהייטן.

- געבורטן אין אנדערע פלעצער אין די פאראייניגטע שטאטן: מען קען געווענליך פארלאנגען סערטיפיקאטן פון קאונטי קלערקס אדער סטעיט אפיסעס פון ווייטעל רעקארדס. צו געפינען אייער סטעיט'ס ווייטעל רעקארדס אפיס, ביטע באזוכט http://www.cdc.gov/nchs/w2w.htm אדער זוכט הילף ביי אייער לאקאלע לייברערי.

סאשעל סעקיוריטי קארטל
פראצעסירונג צייט: 2 ביז 6 וואכן | קאסט: אומזיסט

- נעמט אפ אן אפליקאציע ביי אייער לאקאלע סאשעל סעקיוריטי אפיס און/אדער קארטל סענטער. צו געפינען אייער לאקאלע אפיס, רופט 1-800-772-1213 אדער גייט צו http://www.ssa.gov/cardcenters/cardcenterinfo.html.

ניו יארק דרייווערס לייסענס אדער בילד ID
פראצעסירונג צייט: 2 ביז 4 וואכן | קאסט: $10–$80

- שרייבט זיך איין צו די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון מאטאר וויהיקלס NY State Department of Motor Vehicles פאר א דרייווערס לייסענס אדער א נאן-דרייווער בילד ID. באזוכט www.dmv.ny.gov/license.html פאר איינצלהייטן, געפינט אייער לאקאלע צווייגל ביי http://www.dmv.ny.gov/offices.htm, אדער רופט 1-212-645-5550 אדער 1-718-966-6155 פאר אינפארמאציע.

IDNYC: ניו יארק סיטי מוניסיפאל ID

- IDNYC איז דער אומזיסטער אידענטיפיקאציע קארטל פאר אלע ניו יארק סיטי איינוואוינער. באזוכט www.nyc.gov/idnyc אנצופאנגען אייער אפליקאציע אנליין, אדער רופט 311.

## וואו קען איך מאכן קאפיעס?

- רוקלין פובליק לייברערי:
רופט 311 אדער גייט צו www.brooklynpubliclibrary.org

- ניו יארק פובליק לייברערי: רופט 311 אדער גייט צו www.nypl.org פאר בראנקס, מאנהאטען, און סטאטען איילענד בראנטשן

- קווינס פובליק לייברערי:
רופט 311 אדער גייט צו www.queenslibrary.org

- אייער לאקאלע קאמיוניטי באורד אפיס: רופט 311

- קאפיע און פרינט-שאפס

# אינקאם דאקומענטן

אייער הויזגעזינד'ס יערליכע אינקאם איז די "גראָוס סומע" פארדינסט פון יעדער איבער 18 וואס וואוינט מיט אייך. "גראָוס סומע" מיינט וואס אייער ארבעטסגעבער האט אייך באצאלט איידער שטייערן. אייער גראָס אינקאם איז געווענליך מער ווי דעם געהאלט וואס איר נעמט אהיים. (באמערקונג: אויב איר זענט זעלבסט-עמפלויד, געבט איר איין אייער נעט אינקאם נאך דידאקשאנס.)

נעמט צוזאם ווימער דאקומענטן איר קענט נאר. די IRS זאגט אז די דאקומענטן איסגערעכנט דא אונטן ווערן אנגענומען אלס באווייז פון אינקאם. שטעל צו אינקאם דאקומענטן פאר יעדן הויזגעזינד מיטגליד איבער 18.

האט איר די דאקומענטן?

**פארוואס זענען די אלע דאקומענטן נויטיג?**

HPD און HDC פאדערן די אלע דאקומענטן כדי צו באשטעטיגן און אויסרעכענען די סך הכל יערליכע סומע וואס אייער הויזגעזינד מאכט פון רעגלמעסיגע ארבעט און פון אנדערע אינקאם קוועלער.

---

## הויזגעזינד עמפלוימענט אינקאם

פארדינט איינער אין אייער הויזגעזינד א געהאלט אדער שעות'וויזע געהאלט? דער דעוועלאפער וועט אייך זאגן וועלכע דאקומענטן ווערן פארלאנגט. געווענליך וועט מען אייך בעטן צו ברענגען דאס פאלגענדע, פאר יעדן הויזגעזינד מיטגליד:

- ☐ קאפיעס פון די לעצטע זעקס (6) נאכענאנדיגע פעי סטאבס
- ☐ קאפיעס פונעם פאריעריגן W-2 פארמס (אלע בלעטער)
- ☐ קאפיעס פון אונטערגעשריבענע און איסגעפולטע פעדעראל און סטעיט טעקס ריטורנס פון די פארגאנגענע יאר
- ☐ באווייז פון קאש באצאלונגען (נאטאריזירטע בריוו פון ארבעטסגעבער)
- ☐ באנק סטעיטמענטס וועלכע באווייזן דעפאזיטס

איז איינער אין אייער הויזגעזינד זעלבסט-עמפלויד? פאר יעדן זעלבסט-עמפלויד הויזגעזינד מיטגליד, שטעל צו קאפיעס פון:

- ☐ קאפיעס פון די 3 לעצטע יאר אונטערגעשריבענע פארם 1040, מיט סקעדזשול C,E אדער F
- ☐ קאפיעס פון אלע 1099'ס פון די 3 לעצטע יאר
- ☐ קאפיעס פון 3 יאר סטעיט טעקס ריטורנס

## הויזגעזינד אינקאם פון אנדערע קוועלער

איר מוזט צייגן דאקומענטן איבער אלע געלטער איר ערהאלט, אויך אויב עס איז נישט פון קיין ארבעט. דער דעוועלאפער וועט אייך זאגן וועלכע דאקומענטן ווערן פארלאנגט. געווענליך וועט מען אייך בעטן צו ברענגען דאס פאלגענדע, פאר יעדן הויזגעזינד מיטגליד:

באקומט איר בענעפיטן אדער אינקאם וואס ווערט אויסגערעכנט אונטן? קאפיעס פון דאקומענטן פאר:

- ☐ סאשעל סעקיוריטי אווארד בריוו(ן) פאר לעצטע קאלענדער יאר (מיטן דאטום ווייניגער ווי 30 טעג)
- ☐ וועטעראן'ס בענעפיטן (יערליכע דאקומענטאציע)
- ☐ אינקאם פון רענטל פראפערטיס
- ☐ פובליק אסיסטענס בודזשעט בריוו
- ☐ ארמד פארסעס רעזערווס

באקומט איר דיווידענדס און/אדער סטיפענדס?

- ☐ קאפיעס פון דערקלערונג פון ארויסגעבנדע אינסטיטוציע(ס)

צו דערהאלט איר סקאלערשיפ און/אדער גרענטגעלטער?

- ☐ קאפיעס פון עווארד בריוון מיטן דאטום

באקומט איר אלימאני און\אדער טשיילד סופארט? שטעל צו קאפיעס פון:

- ☐ קאפיעס פון סעפערעשאן אדער שליכטונג אפמאך(ן) וועלכע באצייכענען די סומע און סארט שטיצע און באצאלונג סקעדזשול
- ☐ קאפיעס פון סיי וועלכע אפיציעלע דערקלערונג אדער פרינט-אוט (מיטן דאטום אינערהאלב די לעצטע 120 טעג און צייגנדיג אקטיוויטעט און סומעס), אדער א נאטאריזירטע אפידעוויט.

דיסאביליטי אינשורענס, ווארקער'ס קאמפענסאציע, און/אדער סעווערענס באצאלונגען?

- ☐ קאפיעס פון די לעצטע זעקס (6) יעצטיגע נאכענאנדיגע פעי סטאבס אדער א באשטעטיגונג בריוו

באקומט איר אנגייענדע נדבות און/אדער געשאנקען? צו באקומט איר אנדערע פארעמס פון פריאדישע אינקאם?

- ☐ נאטאריזירטע דערקלערונג און/אדער אפידאוויט אונטערגעשריבן דורך דעם מענטש וואס שטעלט צו די הילף, אריינגערעכנט דעם צוועק פונעם אינקאם, דאטומען און ווערד פון געשאנק(ען), און ווי אפט דער צוגעשטעלט ווערט געשאנק (וועכנטליך, חודש'ליך, יערליך).
- ☐ באנק סטעיטמענטס וועלכע צייגן אז איר האט ערהאלטן די צאלונגען

# בארעכטיגונג פראבלעמען

איר זאלט דאקומענטירן סיי וועלכן פראבלעם וואס איר האט געהאט מיט אייערע פריערדיגע לענדלארדס אדער מיט אייער קרעדיט. אפילו מיט די דאקומענטן, איז נישט פארזיכערט אז איר וועט זיין בארעכטיגט פאר אן אפארטמענט. אייער אפליקאציע קען נאך אלס ווערן אפגעזאגט, אפילו מיט גוטע דאקומענטאציע.

## פריערדיגע לענדלארד פראבלעמען

האט א לענדלארד אמאל אריינגעגעבן א לעגאלע אקט אנטקעגן אייך פאר סיי וועלכע אורזאך? אויב יא, ברענגט קאפיעס פון:

- ☐ אלע לעגאלע סטיפיולעישאנס
- ☐ סיי וועלכע ענדגילטיגע לעגאלע אורטיילן
- ☐ סאטיספאקשאנס ארייינגעגעבן דורכן קאורט

## פארגאנגענע קרעדיט פראבלעמען

ווי איז אייער קרעדיט היסטאריע?

אויב איר ווערט אויסגעקליבן פאר אן אפוינטמענט צו באשטעטיגן בארעכטיגונג, קען אייער קרעדיט \ זיין א פאקטאר ביים באשליסן. איר קענט נישט ווערן דיס-קוואליפיצירט בלויז צוליב אייער קרעדיט סקאור, אבער די אינפארמאציע אין אייער קרעדיט היסטאריע מאכט אויס. אויב איר האט סיי וועלכע דאקומענטן וועגן אייער קרעדיט, קענט איר עס וועלן צוזאם נעמען פאראויס. צום ביישפיל:

- ☐ קארעספאנדענס וועלכע צייגט דעם שליכטונג פון קרעדיט פראבלעמען אדער חובות
- ☐ סאטיספאקשאנס פון באצאלטע ליענס אדער אורטיילן
- ☐ יעצטיגע קאנטע באלאנס
- ☐ סיי וועלכע ענדגילטיגע לעגאלע אורטיילן

ביטע באמערקט אז צושטעלן אט דעם אינפארמאציע פארזיכערט נישט אז איר וועט זיין בארעכטיגט פאר אן אפארטמענט. צו באקומען אן אומזיסטע קאפיע פון אייער קרעדיט באריכט, באזוכט http://www.annualcreditreport.gov. צו באקומען צוטריט צו אומזיסטע פינאנציעלע עמפאווערמענט סערוויסעס פאר ניו יארקער, רופט 311 אדער באזוכט nyc.gov/consumers.

באזוכט www.nyc.gov/housingconnect צו באקומען מער אינפארמאציע אדער זיך איינצוגעבן אנליין.